# פרשת חקת - בלק ו' – י"ב תמוז תש"פ לפ"ק

***יום שלישי פרשת חקת - בלק***

בשעות אחר הצהרים מסר **רבינו שליט"א** שיעור היומי לתלמידי ישיבה גדולה. בתחלת השיעור פתח **רבינו שליט"א** בדברים מיוחדים לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברים:***

**מיר** דארפן זאגען שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, דאנקן דעם אייבערשטען, שהחיינו, אז יעדער איז ב"ה געזונט און שטארק צוריק אין בית המדרש, והגיענו לזמן הזה, בחורים זענען שוין אדורך דריי חדשים וואס מען איז נישט געווען מסודר. קודם דער בין הזמנים, און נאכדעם אפילו ווען מען האט שוין אנגעהויבן צו לערנען אין שטאט, האט ער נישט געהאט זיין טיש, און זיין בענקל, און זיין פלאץ. איך מיין אז עס די ערשטע מאל וואס מען האט היינט געדאווענט אזוי ווי א בחור דארף צו דאווענען. באלד דריי חדשים וואס מען האט זיך געוואלגערט דא און דארט, און מען האט נישט געדאווענט געהעריג. דאס לערנען איז נישט געווען מסודר. ב"ה מען האט אנגעהויבן מיט א פרישן חיות דא אינעם קעמפ, דער באשעפער זאל העלפן, אז עס זאל נישט געשטערט ווערן דעם גאנצן זומער. מען האט געדאווענט פיין, מען האט אנגעהויבן נעכטן נאכט צו לערנען מידערהייט, מען האט זיך שוין צוריקגעבענקט צו זיצן ביי די גמרא, און לערנען. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל ממשיך זיין איבערן זומער.

**עס** ליגט א געוואלדיגער חוב אויף יעדן איינעם, משלים צו זיין א חלק פונעם לעבן וואס ער האט פארפעלט. כמעט א פערטל יאר וואס עס איז אדורכגעגאנגען וואס עס איז געווען א נאכגעלאזטקייט אין תורה, און אין תפלה, אין ערליכקייט, און עבודת ה'. מען איז ארויסגעקומען דא, וואו מען קען זיצען און דינען דעם אייבערשטען, דארף מען אויסנוצן די צייט וואס מען האט, איבערצו'חזר'ן וואס מען האט פארפעלט צו לערנען. און חפץ ה' יצליח, דער אייבערשטער זאל געבן הצלחה, אז מען זאל קענען שטייגען אזוי ווי מען דארף.

*

***יום רביעי פרשת חקת - בלק***

אחר תפלת מנחה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **שמואל לוי וויטריאל** הי"ו, שהתקיים בראלי האטעל, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז בלק האט געשיקט נאך בלעם אז ער זאל שעלטען יודען. און דער אייבערשטער האט אים נישט געלאזט גיין, און ער האט אים געזאגט, אז אויב דו גייסט, וועסטו זיי מוזן בענטשען. און די תורה פארציילט, אז דריי מאל האט ער אלץ געזוכט אז ער זאל קענען שעלטן יודען, און דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן פאר אים ווערטער פון ברכות, ויהפוך ה' אלקיך לך את הקללה לברכה.

**די** ערשטע מאל ווען ער האט אנגעהויבן צו רעדן אויף יודען, האט ער גערעדט וועגן די גרויסקייט פון יודען, כי מראש צורים אראנו, ומגבעות אשורנו, הן עם לבדד ישכון, ובגוים לא יתחשב (במדבר כג-ט). דער פשוטער פשט איז, אז ער איז געשטאנען אויף א שפיץ בארג, און פון דארט האט ער אראפגעקוקט אויף יודען, האט ער געזאגט 'כי מראש צורים אראנו', איך שטיי אויף א ראש צורים, און פון דארט זעה איך זיי, 'ומגבעות אשורנו', און איך זעה זיי פון די גבעות, 'הן עם לבדד ישכון', דאס איז א פאלק וואס וואוינט פאר זיך, 'ובגוים לא יתחשב'.

**רש"י** טייטשט אנדערש, און אין מדרש (תנחומא יב) שטייט אויך אזוי. אז ער האט געזאגט, איך קוק אויף די שורש פון יודען, 'מראש', פון זייער אנהייב, 'צורים', וואס זיי שטאמען פון אזעלכע גרויסע לייט, פון די אבות וואס ווערן אנגערופן צורים. און רש"י טייטשט, 'צורים', פון דעם האבן זיי זייער שטארקייט און זייער כח אויסצוהאלטן. 'ומגבעות אשורנו', איך קוק אויף זייער אמהות, 'הן עם לבדד ישכון', זיי זענען א פאלק פאר זיך, 'ובגוים לא יתחשב', זיי האבן נישט קיין שום שייכות צו די גוים.

**דער** פשוטער פשט איז, אז א יוד וויל זיך פירן ערליך, דארף ער שטענדיג קוקן אויף די דרכי אבות, און נישט אוועקגיין פון די וועגן וואס מען האט

געזעהן ביי די עלטערן. ווען א מענטש האט שטענדיג פאר זיך די צורה פון זיין טאטע און פון זיין זיידע, ווי אזוי זיינע עלטערן פון וואו ער שטאמט האבן זיך געפירט, גייט ער שטענדיג אויפן ריכטיגען וועג. עס שטייט אין די גמרא (סוטה לו:), ווען יוסף הצדיק האט געהאט דעם נסיון אין מצרים, א בחור'ל אליין, פארווארפען אין יענעם עק וועלט, און ער האט געהאט א נסיון פון א חטא, נראית לו דמות דיוקנו של אביו, עס האט זיך באוויזען צו אים די צורה פון זיין טאטע, און ווען ער האט געזעהן די צורה פון יעקב, האט ער זיך פורש געווען, און ער האט נישט געזינדיגט. ווייל ווען א מענטש קוקט צוריק אויף זיינע עלטערן, ברענגט עס אים צו דערצו, אז ער זאל גיין אויפן ריכטיגען וועג.

**יודען** זענען געווען אין מצרים אזויפיל יארן, און זיי זענען ארויסגעקומען אזא הייליג פאלק, עס איז נישט געווען איין פאל אין גאנץ מצרים, וואס מען איז נכשל געווארן, זיך אויסצומישן צוזאמען מיט די מצריים. פון וואו האבן זיי גענומען די כוחות הנפש, צו זיין משועבד אזויפיל יארן, און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך געהאלטן ערליך. שטייט אין מדרש (שמו"ר ה-יח), אז שבת האט מען נישט געארבעט, און יעדן שבת זענען זיי זיך צוזאמגעקומען, און זיי האבן איבערגערעדט די מגילות וואס זיי האבן געהאט געשריבן זאכען פון זייערע עלטערן, און מיט דעם האבן זיי זיך משתעשע געווען. און דאס האט זיי געגעבן די כח אויף די גאנצע וואך שפעטער, אז זיי זאלן קענען אנהאלטן זייער עבודת ה'.

**בלעם** האט אראפגעקוקט אויף יודען, און ער האט געזעהן אזא הייליג פאלק זיצט אינעם מדבר, צווישן די גוים איז נישט דא נאך אזא פאלק, וואס זאל זיין ענליך צו וואס יודען זענען. האט ער געזאגט, 'כי מראש צורים אראנו', דאס וואס איך זעה יעצט, נעמט זיך פון דעם וואס זיי קוקען שטענדיג צוריק אויף די ראש צורים, זיי קוקען שטענדיג צוריק אויף זייערע עלטערן פון וואו זיי שטאמען, 'ומגבעות אשורנו', זיי קוקען ארויף אויף זייערע גבעות, אויף זייערע אמהות, און דאס האט זיי צוגעברענגט אז זיי זענען א 'עם לבדד ישכון', א פאלק פאר זיך, 'ובגוים לא יתחשב', זיי מאכען נישט קיין חשבונות אז זיי זאלן נאכגיין נאך די וועגן פון די גוים. דער גוי איז א גוי, און ער איז נישט אינטערעסירט אין וואס דער גוי טוט.

ער וויל נישט האבן קיין שייכות מיטן גוי, מיר זענען א פאלק וואס מיר זענען עקסטער פאר זיך אליין. און יודישע קינדער האבן אויף דעם מסירת נפש, ווייל אונזערע אבות האבן אריינגעלייגט דעם כח פון מסירת נפש אינעם כלל ישראל.

**דער** פסוק רופט אן די אבות אז זיי זענען צורים, זיי זענען שטארק ווי הויכע פעלזן. ווייל עס שטייט אין **בני יששכר** (תשרי ב-כו), אז די מצוה פון מסירת נפש אין די תורה, ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל (ויקרא כב-לב), איז די צוויי הונדערט און זעקס און ניינציג'סטע מצוה אין די תורה, אזוי ווי די מספר פון 'צור'. אונזערע אבות זענען געווען צורי"ם, זיי זענען געווען דבוק אין דעם ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל, און וועגן דעם זענען די אבות אויסגעוואקסען אזוי ווי זיי זענען געווען. און זיי האבן אריינגעלייגט דעם כח פון מסירת נפש אין עלטערן, אז זיי זאלן קענען מחנך זיין זייערע קינדער אויף דעם וועג. 'כי מראש צורים אראנו', איך קוק אויף זיי אז זיי זענען צורי"ם, זיי זענען אויפגעבויט מיט מסירת נפש. און וועגן דעם זענען זיי א 'עם לבדד ישכון', זייי וואוינען פאר זיך אליין, 'ובגוים לא יתחשב', עס אינטערעסירט זיי נישט די גוים. עס האט נישט ביי זיי קיין שום חשיבות וואס א גוי איז. ער האט איין ציל, איך וויל ממשיך זיין די גאלדענע קייט וואס איך האב פון די אבות.

**מיר** זענען א פאלק וואס מיר זענען 'צור', מיר זענען בעלי מסירת נפש פאר תורה און יודישקייט, און אויף דעם בעהט מען פונעם אייבערשטען (בתפלת שחרית), צור ישראל קומה בעזרת ישראל. 'צור ישראל', יודען זענען מקיים די מצוה פון צו"ר, זיי זענען בעלי מסירת נפש. 'קומה בעזרת ישראל', דער אייבערשטער זאל העלפן יודישע קינדער, 'ופדה כנאמך יהודה וישראל', און דער אייבערשטער זאל אויסלייזען יודען. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דער אייבערשטער איז דאך מקיים די תורה, און איינע פון די מצות איז דאך פדיון הבן. מיר זענען בנים לה', און מיר ווארטן אויף א פדיון, אז דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזן. און בשעת מען איז מקיים די מצוה פון פדיון הבן אויף דער וועלט, איז מען מעורר דעם ענין פון פדיון הבן. זאגט מען פארן אייבערשטען 'ופדה כנאמך יהודה וישראל', דער באשעפער זאל אויסלייזן דעם כלל ישראל פונעם גלות.

***ערב שבת פרשת חקת - בלק***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שלמה באנדא** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת חקת - בלק***

בסעודה שלישית נתכבד הר"י הרה"ג רבי **יעקב טובי' ווייזער** שליט"א בברכת המזון.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע** (מתוך הספר י"ג **אורות** ח"ב). בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יהושע** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע** נולד לאביו הצדיק רבי אליעזר ליפא ולאמו הצדיקת הרבנית מירל, שזכתה לבנים צדיקים שהאירו פני תבל, בשכר צניעות יתירה שהיתה בה. כי אביה היה לו בית מזיגה, והיא היתה עומדת שם כל היום לספק משקה להבאים לקנות, וכדי להרחיק את הערלים השיכורים מעמה, כסתה מקצת פניה בצעיף, ודברה אליהם כמתנומנמת (פארשלאפן), ועוד פעלות שונות. וגילו לה מן השמים שבשכר זה תזכה למנורה של שבעה נרות, היינו שבעה צאצאים צדיקים. [עיין בגמרא (יומא מז.) שקמחית זכתה לשבעה בנים כהנים גדולים בזכות צניעותה].

**והוסיף רבינו:** די גמרא זאגט דארט, וואס האט קמחית געטון, וואס איז געווען איר צניעות. זאגט די גמרא, אז זי איז אייביג געגאנגען צוגעדעקט איר קאפ, אז די קורות ביתה, אפילו די באלקענס פון שטוב, האבן קיינמאל נישט געזעהן איר האר פון קאפ, אז עס זאל זיין אויפגעדעקט. שער באשה ערוה (ברכות כד.).

**פאריגע** וואך איז געווען פרשת קרח. די תורה הייבט אן, אז און בן פלת איז געווען פון די וואס האבן מיטגעהאלטן מיט קרח, און דאס ווייב פון און בן פלת האט אים מציל געווען. זי האט אים געזאגט, וואס האסטו זיך צו מישן אין די מחלוקת. וואס איז דיר א נפקא מינה צו קרח וועט זיין דער כהן גדול, צו אהרן וועט זיין דער כהן גדול, דו וועסט ממילא נישט זיין דער כהן גדול, דו וועסט בלייבן שטענדיג א תלמיד, וואס האסטו זיך צו מישן אין די מחלוקת ווער עס וועט זיין כהן גדול. און מיט דעם האט זי אים איבערגעוואויגן, אז ער האט נישט מיטגעהאלטן שפעטער מיט די מחלוקת. - אזוי ווי עס איז דא היינט מחלוקת צווישן די רבי'ס, וואס איז דיר א נפקא מינה, צו דער איז רבי אדער יענער איז רבי, דו וועסט ממילא בלייבן א תלמיד, וואס האסטו זיך צו מישן. דו וועסט גארנישט פארדינען צו דער איז רבי אדער דער צווייטער איז דער רבי. דאס איז געווען די חכמה פון די ווייב פון און בן פלת, וואס זי האט אים מציל געווען.

**זאגט** די גמרא, אז און בן פלת האט איר געזאגט, איך האב דאך געזאגט פאר זיי אז איך וועל מיטגיין. האט זי אים געגעבן צוטרינקען וויין, זי האט אים אנגע'שכור'ט, און זי האט אים געזאגט, לייג דיך אין בעט שלאפן, און איך וועל עס שוין מסדר זיין. איז געגאנגען די ווייב פון און בן פלת, און זי האט אויפגעדעקט איר האר, און זי האט זיך אראפגעשטעלט ביי די טיר פון שטוב, און ווען מען איז געקומען רופן און בן פלת אז ער זאל מיטהאלטן מיט די מחלוקת, און מען האט געזעהן אז זי זיצט דארט ביי די טיר אן צניעות. זיי זענען נישט געווען קיין פשוטע מענטשען, זיי זענען דאך געווען קדושים, זיי זענען געווען צוויי הונדערט און פופציג ראשי סנהדראות, זיי זענען נישט אריינגעגאנגען אין א שטוב וואו מען איז נישט געגאנגען אנגעטון מיט צניעות, זיי האבן זיך אוועקגעדרייט פון די שטוב, און זיי זענען נישט אריינגעגאנגען, אזוי האבן זיי צורוה געלאזט דעם און בן פלת.

**איך** האב געזעהן שטיין, פארוואס האט די ווייב פון און בן פלת געטון פונקט דאס, אויפצודעקן די האר פון קאפ. ווייל זי האט געזאגט פאר און בן פלת, וואס איז דיר א חילוק ווער עס וועט זיין דער כהן גדול, דו וועסט ממילא נישט זיין דער כהן גדול, וואס האסטו זיך צו קריגען. אבער דער אמת איז, אז ער וואלט יא אויפגעטון. פארוואס, ווייל אויב עס באלאנגט פאר אהרן, קען דאך נישט זיין א אנדערער כהן גדול, נאר אהרן מיט די קינדער.

אבער אויב איך זאג אז עס מוז נישט זיין דוקא אהרן, נאר יעדער קען זיין כהן גדול, איז אפילו און בן פלת וועט נישט זיין דער כהן גדול, אבער זיינע קינדער אדער אייניקלעך קענען אויסוואקסען צו זיין דער כהן גדול. לוינט זיך מיטצוהאלטן מיט קרח, ווייל יעדער קען זיין כהן גדול, און עס באלאנגט נישט דוקא פאר אהרן. די גמרא זאגט דאך אבער, אז זוכה צו זיין, צו זיין דער כהן גדול, דארף די מאמע גיין מיט צניעות, עס זאל זיין צוגעדעקט די האר. איז זי געגאנגען און זי האט זיך אויפגעדעקט די האר, קומט דאך אויס אז זיינע קינדער וועלן שוין ממילא נישט זיין קיין כהן גדול, האסטו דאך גארנישט אויפגעטון מיט די מחלוקת. נישט דו וועסט זיין כהן גדול, און נישט דיינע קינדער וועלן זיין כהן גדול. דאס איז געווען די חכמה פון די ווייב פון און בן פלת, וואס זי האט זיך אויפגעדעקט די האר, צו ווייזן אז זיינע קינדער וועלן ממילא נישט זיין קיין כהנים גדולים.

*

לא נודע לנו רק ששה מהם, הרבי ר' אלימלך, הרבי ר' זושא, רבי נתן מסטיטשין, רבי אברהם מקעניגסבורג, אחותיהם זקנתה של הבני יששכר, ואשת הרב מטיקטין.

**והעיר רבינו:** עס איז נישט קיין סתירה צו דעם וואס זי האט געזאגט, אז זי וועט האבן א מנורה פון זיבן נרות, [קען זיין אז זי האט טאקע געהאט זיבן קינדער, מען ווייסט נאר נישט ווער עס איז געווען די זיבעטע], ווייל די מנורה איז דאך אויך איינגעטיילט, עס איז דא די גוף פון די מנורה, און נאכדעם איז דא די קני המנורה, און די קני המנורה זענען זעקס. די גוף פון די מנורה דאס זענען די עלטערן, און די קני המנורה דאס זענען די קינדער וואס קומען ארויס פון די מנורה. זי וועט זיין די מנורה, און זי וועט האבן ששה קני המנורה, און זי האט טאקע געהאט זעקס דערהויבענע קינדער.

*

**הרבי ר' אלימלך** ישב בתענית משבת לשבת משך כ"א שנה. ואמר ששבע שנים התענה בשביל עצמו, ושבע שנים לטובת דורו, ושבע שנים לצורך דורות הבאים עד ביאת משיח.

**והעיר רבינו:** מען געפונט אין די גמרא (בבא מציעא פה.) ענליך דערצו. די גמרא פארציילט אויף רב יוסף, אז ער האט געפאסט פערציג טעג, און עס איז ארויסגעקומען א בת קול, לא ימושו מפיך (ישעיה נט-כא), די תורה וועט זיך נישט אפטון פון דיר. האט ער געפאסט נאך פערציג טעג, און מען האט אים געזאגט לא ימושו מפיך ומפי זרעך. האט ער געפאסט נאך פערציג טעג, און מען האט אים געזאגט, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך. האט ער געוואלט פאסטן אויף די שפעטערדיגע דורות, האט מען אים געזאגט, דו דארפסט נישט מער, ווייל אויב עס איז דא דריי דורות תלמידי חכמים, איז התורה מחזרת על האכסניא שלה. כאטש יראת שמים איז נישט א זאך וואס מען גיט פון הימל, הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים (ברכות לג:), פון דעסטוועגן דאך קען מען מיט תעניתים אויס'פועל'ן אויבן אין הימל, אז די דורות זאלן זיין תלמידי חכמים און ערליכע יודען (עיין **בשמן ראש** חלק ראשון השלם בראשית דף רסט).

**דאס** וואס ער האט געפאסט פערציג טעג, שטייט אין **מהרש"א** (שם), ווייל תורה איז ניתנה לארבעים יום, משה רבינו האט מקבל געווען די תורה אין פערציג טעג (דברים ט-ט), ממילא איז א ענין פון פערציג טאג, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה.

*

**הרבי ר' אלימלך** זכה שדוד המלך ע"ה נתגלה אליו בכל מוצאי שבת כשהוא מעוטר בכתר על ראשו. פעם אחד נגלה אליו בלי הכתר, וכששאל לו רבינו טעם הדבר, ענה לו משום שבכל מוצאי שבת שותה את הקאווע (או הטיי) עם צוקער, ובפעם ההוא שתה בלי צוקער.

**וביאר רבינו:** ער זאגט נישט קיין הסבר פארוואס מיטן צוקער קומט מען מיט די קרוין, און אז מען טרינקט קאווע אן די צוקער דעמאלטס פעלט די קרוין. בפשטות איז דער טעם, ווייל צוקער איז ממתיק די דינים, און אז ער וואלט געטרינקען מיט די צוקער וואלט ער ממתיק געווען די דינים, וואלט דוד המלך געקומען מיט א קרוין.

**פארוואס** קומט ער נישט צו אונז, וואס אונז טרינק מיר מיט די צוקער, און אונז עס מיר נאך פיצ"א אויך

דערצו, וואלט ער אוודאי געדארפט קומען. נאר דער **רבי ר' אלימלך** פלעגט צו פאסטען שטענדיג, און ער האט נישט טועם געווען קיין שום זאך פון צוקער, און פון דעסטוועגן דאך לכבוד דוד המלך האט ער אים מכבד געווען און געטרינקען מיט צוקער, שלא כדרכו צו טרינקען, איז דאס געווען א כבוד פאר דוד המלך, און וועגן דעם איז ער געקומען צו אים מיט די קרוין.

*

מו"ח [**הרה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק**] זצ"ל סיפר אודות חילוקי דעות שנחלקו בה הרבי ר' אלימלך ואחיו הרבי ר' זושא. שהרבי ר' אלימלך סבר שטוב להם לישראל שיהיו עשירים, והרבי ר' זושא סבר להיפוך, דיאה עניותא לישראל (חגיגה ט:). אך אחרי כן לפני פטירתם, היה נראה לכל אחד שהצדק עם אחיו (כדרכם של צדיקים שמחמת ענוותנותם חושבים תמיד שאולי דרכו של צדיק אחר יותר נכון), ולכן התפלל הרבי ר' אלימלך שבניו ונכדיו יהיו עניים, והרבי ר' זושא התפלל שבניו ונכדיו יהיו עשירים. ואמנם הכרתי כמה מנכדיו שהיו עשירים.

**והוסיף רבינו:** און דעם רבי ר' אלימלך'ס אייניקלעך זענען ארימעלייט, ווייל ווען מען גייט אין בית המדרש נאך געלט, זאגט מען אז ער איז דעם רבי ר' אלימלך'ס אייניקל...

*

**עס** איז געווען א מחלוקת וואס עס איז בעסער, עניות צו עשירות. וועלכע נסיון איז א שווערערע נסיון? מען זאגט נאך פונעם **בעלזער רב, רבי אהרן זי"ע**, אז אמאל איז געווען גרינגער דער נסיון העוני פון דעם נסיון העושר, אבער היינט דארפן יודען האבן עשירות. עס איז גרינגער צו דינען דעם אייבערשטען מיט עשירות, ווי צו דינען דעם אייבערשטען מיט עניות. ער האט נישט מסביר געווען וואס די חילוק איז, אבער איך האב געהערט א הסבר דערויף, פארוואס אמאל האט געקענט זיין די נסיון העוני, און היינט איז גרינגער דער נסיון העושר.

**עס** איז דא צוויי ערליי סארט נסיונות. עס איז דא דער נסיון העוני, דאס איז איין סארט נסיון. און נסיון העושר איז א צווייטע סארט נסיון. נסיון העוני איז דער נסיון דערפון, אז א מענטש האט נישט וואס צו עסן, ער איז א ארימאן. אז ער דארף עפעס, קען ער עס נישט קויפן, ווייל ער האט נישט קיין געלט. ער דארף מחנך זיין די קינדער, האט ער נישט געלט צו קענען באצאלן זיי מחנך צו זיין, ער קען זיי נישט אויסהאלטן געהעריג. עס איז א שווערע נסיון פאר א מענטש. אויסער דעם צער וואס ער האט, וואס די גמרא (נדרים סד.) זאגט, עני חשוב כמת, אז מען האט נישט קיין געלט, איז מען אזוי ווי א טויטער, עס פעלט דער גאנצער חיות. איז דער נסיון דערפון א געוואלדיגער נסיון. אז עס ברענגט אסאך מאל א טינא בלב כביכול אז ער איז זיך מתרעם אויפן אייבערשטען, פארוואס דער אייבערשטער גיט אים נישט. פאר יענעם גיט ער יא, און איך פיר זיך אויף ערליך, און פארוואס האב איך נישט. און די מחשבה איז זייער א האקעלע מחשבה, אז מען זאל האבן א הרהור אויף די וועגן פונעם אייבערשטען, פארוואס דער באשעפער גיט מיר נישט.

**נסיון** העושר איז א אנדערע נסיון. עס איז נישט א נסיון אז מען איז זיך מתרעם אויפן אייבערשטען, אז ער האט נישט וואס צו געבן פאר די קינדער, און ער קען זיי נישט מחנך זיין. נסיון העושר איז דער נסיון דערפון, אז עס ברענגט צו וישמן ישורון ויבעט (דברים לב-טו), אז מען האט אסאך, פארגעסט מען פונעם אייבערשטען. מען האט דאך געלט, מען קען טון וואס מען וויל, הייבט מען אן צו פארפאלן ווערן, און מען גייט אוועק אויף די דרכי הגוים. דאס איז דער נסיון פון עשירות.

**אין** היינטיגע צייטן איז נסיון העוני זייער א שווערע נסיון, אין וואס פאר א מצב א מענטש איז, איז עס א נסיון אז ער זאל נישט מהרהר זיין אויפן אייבערשטען, אז דער באשעפער גיט אים נישט וואס ער דארף. אבער דער חלק פונעם נסיון העושר אז ער וועט אוועקגיין פון יודישקייט ווייל דער אייבערשטער האט אים געגעבן עשירות, אין א געוויסע חלק איז עס היינט בטל געווארן, אין אונזערע קרייזען על כל פנים. פארוואס, ווייל היינט אז מען איז צוזאמען אין א חבורה, מען איז צוזאמען אין א חסידות, מען איז צוזאמען אין א קהלה, אין וואס פאר א סארט התחברות עס איז דא צווישן יודען, און מען בלייבט אין די חבורה, מען גייט נישט

אוועק דערפון, דעמאלטס האט מען נישט דעם נסיון, אז ווען ער וועט האבן געלט וועט ער אראפווארפען פון זיך די עול התורה. ווייל די חברים, די סביבה וואו ער איז, האלט אים צוזאמען. אבער איינער וואס געפונט זיך נישט אין א חבורה מיט אנדערע, ער האט נישט קיין קרייז וואו ער געפונט זיך, פאר דעם איז היינט אויך דער נסיון העושר א נסיון, ווייל ער האט נישט א זאך וואס זאל אים האלטן, וואס זאל אים מחזק זיין. און אז ער האט געלט, דארף ער קיינעם נישט פרעגן, ער מופ"ט אוועק, ער גייט אוועק אויף א צווייטע געגענט, וואו מען זעהט אים ווייניגער, און מען קוקט אים ווייניגער נאך, ווי דער סדר איז, וואס עשירות ברענגט אלץ. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, ער האט גערעדט צווישן זיין עולם, אז ביי א חבורה וואס איז צוזאמען, איז דער נסיון העושר נישט אזא גרויסע נסיון, ער וועט נישט אוועקגיין פון יודישקייט ווייל ער האט געלט, ווייל די חברותא וואו ער איז, וועט אים האלטן. אבער די נסיון העוני, ער זאל נישט מהרהר זיין אויפן אייבערשטען, דאס איז נישט קיין נפקא מינה אין וועלכע חברותא ער איז, צו דעם קען ער אייביג צוקומען. האט ער געזאגט, אז וועגן דעם דארף מען היינט ענדערש מתפלל זיין אז דער אייבערשטער זאל געבן עשירות פאר יעדן איינעם, ווייל מיט עשירות וועט ער טון מער מצות און מעשים טובים, און עס וועט אים נישט אוועקשלעפן פון יודישקייט, אזוי ווי עס האט אוועקגעשלעפט אמאל.